# U.S. DEPARTMENT OF AGRICULTURE
# שפּראַך צוטריט דערקלערונג

**דעצעמבער 7, 2023**

די פאראייניגטע שטאטן אפטיילונג פון אגריקולטור (The United States Department of Agriculture, USDA) איז פארפליכטעט צו פארשטערקערן אירע סערוויסעס און פראגראמען דורך פארזיכערן אז מענטשן מיט באגרעניצטע פעאיגקייטן אין ענגליש (limited English proficiency, LEP) באקומען באדייטענדע צוטריט צו USDA's פעדעראלע אנגעפירטע און פעדעראלע געשטיצטע פראגראמען און אקטיוויטעטן. USDA's שפראך צוטריט פלאן איז אריין אין קראפט אום נאוועמבער 9, 2023; עס איז אוועילעבל אויף https://usda.gov/oascr/languageaccess. די דאזיגע דערקלערונג שטעלט צו אן איבערבליק פון די USDA שפראך צוטריט פלאן.

עס איז זייער וויכטיג פאר USDA's ציל צו סערווירן אלע מענטשן אין די פאראייניגטע שטאטן מיט צייטליכע און פונקטליכע קאמיוניקאציע פאר די פובליק דורך צושטעלן ווירקזאמע, שעפערישע, סייענס-באזירטע פאליסי פירערשאפט אין אגריקולטור, עסן און נערונג, נאטורליכע ריסאורס אפהיטונג און אנפירונג, דארפישע אנטוויקלונג, און פארבינדענע אנגעלעגנהייטן מיט א פארזיכערונג אויסצופירן גלייכבארעכטיגטע און קלימאטן-קלוגע געלעגנהייטן וואס טוען מוטיגן און העלפן אמעריקע צו בליען.

עס איז דער USDA's פאליסי אז מיסיע ערטער, אגענטורן און שטאב אפיסעס, און איינגעשטעלטע דארפן נעמען לאגישע שריט צו פלאנירן און צושטעלן מענטשן מיט LEP צייטליכע, פונקטליכע, און ווירקזאמע קאמיוניקאציע אינערהאלב אלע פראגראמען אדער אקטיוויטעטן דורכגעפירט דורך דער דעפארטמענט—און מוזן ארבעטן צו פארזיכערן אז פראוויידערס פון USDA-געשטיצטע פראגראמען זאלן זיך צושטעלן מיט זייערע פארבינדענע שפראך צוטריט פליכטן און מיט USDA פאליסיס. די פאליסיס זענען באזירט אויפן פרינציפ אז עס איז USDA's פאראנטווארטליכקייט, און נישט פון די מענטש וואס דארף סערוויסעס, צו נעמען לאגישע שריט צו פארזיכערן באדייטענדע צוטריט צו אלע USDA פראגראמען און אקטיוויטעטן און צוברענגען גלייכבארעכטיגקייט פאר מענטשן וואס זענען פארמישט אין, אדער קענען זיין פארמישט אין, USDA אויפן טעלעפאן, שריפטליך, פערזענליך, אדער דורך עלעקטראנישע מיטלען.

פראוויידערס פון USDA -געשטיצטע פראגראמען און אקטיוויטעטן מוזן אויך נעמען לאגישע שריט צוצושטעלן פאר מענטשן מיט LEP צייטליכע, פונקטליכע, און ווירקזאמע קאמיוניקאציע.

USDA איינגעשטעלטע זאלן נעמען לאגישע שריט צו מעלדן דעם פובליק אין א ווירקזאמע אויפן, אין א פארשטענדליכע שפראך וואס מיטגלידער פון דעם פובליק פארשטייען, פון די אוועילעביליטי פון שפראך הילף סערוויסעס, און צושטעלן אומזיסטע קוואליפיצירטע שפראך הילף פאר מענטשן מיט LEP. צווישן די שריט וואס מען זאל נעמען נאכצוקומען די פאדערונג, האט USDA אויפגעשטעלט א שפראך צוטריט וועבזייטל (https://www.usda.gov/oascr/languageaccess), וועלכע לייגט ארויס פאסיגע אינפארמאציע און דאקומענטאציע, אריינגערעכנט די USDA שפראך צוטריט פלאן ווי אויך מיסיע ארט, אגענטור, און שטאב אפיס שפראך צוטריט פלענער, צוזאמען מיט אנדערע גילטיגע אויטאריטעטן און הילפסמיטלען און קאנטאקט אינפארמאציע פון אינדיווידועלן פאראנטווארטליך צו קאארדינירן, איבערקוקן, און צושטעלן איבערזיכט אנבאלאנגט די שפראך צוטריט פאר מיטגלידער פון די פובליק וואס קענען זוכן אינפארמאציע אדער שפראך צוטריט סערוויסעס.

USDA's שפראך צוטריט פלאן איז געאייניגט צו פארבעסערן די אינערליכע אנפירונג פון דעם דעפארטמענט'ס שפראך צוטריט פראגראם, און טוט נישט שאפן סיי וועלכע רעכט אדער בענעפיט, גרויס אדער פראצעדורפול, וועלכע קען ווערן אינפארסירט דורך געזעץ אדער בארעכטיגונג דורך א פארטיי אנטקעגן די פאראייניגטע שטאטן, אירע אגענטורן, אירע באאמטע אדער איינגעשטעלטע, אדער סיי וועלכע פערזאן. USDA's שפראך צוטריט פלאן איז געאייניגט פאר די אינערליכע אנפירונג פון דעם דעפארטמענט'ס שפראך צוטריט פראגראם, און איז נישט געאייניגט צו ווערן ציטירט אין סיי וועלכע דזשודישעל אדער אדמיניסטראטיווע פראצעס. אנפירונג פון די פראגראמען ווערט דורכגעשמועסט און איז די בלויזע אויסוואל פון דעם דעפארטמענט און אירע אגענטורן און אפיסעס.

פאר מער אינפארמאציע, זעט https://usda.gov/oascr/languageaccess. (די דאזיגע דאקומענט ווערט דארט ארויסגעשטעלט אין מערערע שפראכן.)